**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/13/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול מעלדט פארשלאגן צו טרייבן שעפערישקייט און שאפן גוט-באצאלטע ארבעט פאזיציעס

***טרייבן שעפערישקייט און עקאנאמישע וואוקס דורך אינוועסטירונגען אין קוואנטאם טעכנאלאגיע, ביאטעכנאלאגיע, סעמיקאנדאקטער טשיפ אויסשטעל און פארגעשריטענע מאניופאקטשורינג***

***אנפאנגען עמפייער AI בעטא און עפענען די ערשטע זעלבסטשטענדיגע AI פארשונג צענטער ביי SUNY בינגעהעמטאן***

***פארבעסערן די שטאט-צענטער אויפלעבונג אונטערנעמונג און ניו יארק פאראויס***

***אויפלעבן ביזנעסער לענגאויס די סטעיט דורך אוועקנעמען אלט-מאדישע צוימונגען אויף טאנצן, מאדערנעזירן די אלקאהאלישע געטראנק קאנטראל געזעץ און אינוועסטירן אין עקוויטי לענגאויס די קאנאביס סופליי קייט***

***צוגרייטן סטודענטן פאר די ארבעטסקראפט, און פארבינדן SUNY און CUNY צו שטארק-פארלאנגטע ארבעט פאזיציעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן נייע פארשלאגן צו בויען א בעסערע צוקונפט פאר ניו יארק דורך טרייבן שעפערישקייט און שאפן גוט-באצאלטע ארבעט פאזיציעס אלץ טייל פון איר 2026 סטעיט פון די סטעיט. דער גאווערנער האט איינגעבערענגט א נייע עפאכע פון עקאנאמישע וואוקס זינט זי איז אריין אין אפיס, דורך מאכן א פריאריטעט דאס שאפן ארבעט פאזיציעס, קאמיוניטי אנטוויקלונג און עקאנאמישע איבערפרישונג. פון אינוועסטירן אין שעפערישע נייע טעכנאלאגיעס ביזן שטיצן קליינע ביזנעסער, טוט די פאראויס-טראכטנדע סטראטעגיע פארעמען א שטאנדהאפטיגע און אינקליוסיוו עקאנאמיע וועלכע שטעלט אונז אויף צו קעמפן אויף טעכנאלאגישע אנטוויקלונג אויף אן אינטערנאציאנאלע שטאפל היינט, און פאר די דורות וואס טוען נאכפאלגן. דער גאווערנער'ס סטעיט פון די סטעיט רעכנט אריין פארשלאגן צו פארשטערקערן ניו יארק'ס ווירבלנדע עקאנאמיע, צוריק אהיימברענגען דזשאבס, איבערפרישן געמיינדעס, פארבינדן סטודענטן אין שטארק-פארלאנגטע ארבעט פאזיציעס, און אוועקשטעלן ניו יארק אלץ די צענטער פון שעפערישקייט.

"ניו יארק טוט אויפווייזן אז איר צוקונפט איז בעסער ווי סיי ווען, און א דאנק די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע מענטשן און אונזערע קלוגע, געצילטע קאמיוניטי אינוועסטירונגען, טוט נישט בלויז ניו יארק זיך ערהוילן, זי טוט שטייגן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אפגעזען צו עס איז גוט-באצאלטע ארבעט פאזיציעס, מוטיגן טעכנאלאגישע שעפערישקייט, אוועקנעמען צוימונגען אויף ביזנעסער, אדער צושטעלן געגנטער מיט געלט צו וואקסן, בין איך שארף קאנצענטרירט אויף אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר ניו יארקער לענגאויס די סטעיט. איך גיי זיך נישט אפשטעלן, וויבאלד אייער צוקונפט איז מיין קריג."

**מאכן די גאנצע NYS א טשיפס לאנד (Making All of NYS Chips Country) דורך א שטאט-צענטער סעמיקאנדאקטער טשיפ אויסשטעל צענטער**

ניו יארק איז א נאציאנאלע פירער אין סעמיקאנדאקטער מאניופאקטשורינג - איינע פון די פארגעשריטענסטע און קריטישסטע אינדוסטריעס פאר די 21סטע יאר הונדערט עקאנאמיע. סעמיקאנדאקטארס געבן פאר אלעס קראפט אנגעהויבן פון סמארטפאונס ביז סאטעלייטס, און די סעקטאר איז אויסגעשטעלט צו שאפן איינקונפטן פון 1 טריליאן דאלאר לענגאויס די וועלט ביז די ענדע פון צען יאר. אזוי ווי ניו יארק טוט בויען א ווירבלנדע דאמעסטישע סעמיקאנדאקטער עקאסיסטעם, שטיצנדיג וועלט-שטאפל פארשונג און אנטוויקלונג (R&D) פאר גרויסע אהערגעשטעלטע פירמעס, איז דא פלאץ פאר וואוקס אין פריע שטאפל סעמיקאנדאקטער טשיפ R&D דורך זיך פארבינדן מיט אויפגייענדע סטארט-אפס וועלכע האבן נאכנישט צוטריט צו פריע-שטאפל טשיפ אויסשטעל געצייג.

גאווערנער Hochul (האקול) שלאגט פאר צו עפענען א שטאט-צענטער באזירטע סעמיקאנדאקטער טשיפ אויסשטעל צענטער, סיי צו ציען סעמיקאנדאקטער מאניופאקטשורער וועלכע זוכן צו אינוועסטירן אין סטעיטס מיט א ווירבלנדע טשיפ אינאוואציע קוואל און סיי צו שטיצן סטארט-אפס וועלכע זוכן צו וואקסן אין דעם פעלד. די אונטערנעמונג וועט זיך קאנצענטרירן אויף באלאנסירן די שטאט-צענטער'ס טיפע וויסנשאפט עקאנאמיע עקאסיסטעם זיך צאמצושטעלן מיט די שוין-ווירבלנדע טשיפ מאניופאקטשורינג אינפראסטרוקטור אפסטעיט. די צענטער וועט זיין א וועלטס-קלאס טשיפ אויסשטעל פאסיליטעט, וועלכע וועט דינען אלץ שטיצע פאר סטארט-אפ פירמעס, טרענירן טשיפ אויסשטעלער, און פארבינדן סטארט-אפס מיט די גרעסערע סעמיקאנדאקטער סעקטאר לענגאויס ניו יארק סטעיט. דורך מוטיגן די פריסטע שטאפלען פון אנטוויקלונג, וועט ניו יארק זיך באפעסטיגן אלץ א פירער אין די קריטישע טעכנאלאגיע און שטיצן ווייטערדיגע וואוקס פון שטאט-צענטער מאניופאקטשורינג.

**מאדערנעזירן מאניופאקטשורינג אין שווערע צייטן**

ניו יארק'ס מאניופאקטשורינג סעקטאר איז קריטיש פאר די סטעיט'ס עקאנאמישע וואוקס, ביישטייערנדיג איבער 100 ביליאן דאלאר צו די סטעיט'ס גראוס דאמעסטישע פראדוקט און געבן ארבעט פאר מער ווי 410,000 ניו יארקער. גאווערנער Hochul (האקול) ברענגט צוריק מאניופאקטשורינג צו ניו יארק סטעיט, ארייינגערעכנט באקומען איינע פון די גרעסטע מאניופאקטשורינג פראיעקטן אין די פאראייניגטע שטאטן היסטאריע מיט די מיקראן (Micron) פראיעקט אין צענטראל ניו יארק.

צו בויען אויף די גאנג און שטיצן דזשאב וואוקס אין ליכט פון צוריקגייענדע פעדעראלע פאליסי, וועט גאווערנער Hochul (האקול) באפעלן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט אנצופאנגען דער גאווערנער'ס מאניופאקטשורינג מאדערנעזירונג פראגראם ( Governor's Manufacturing Modernization Program) צו שטיצן די סטעיט'ס קליינע און מיטלגארטיגע מאניופאקטשורער. די פראגראם וועט אוועקשטעלן א נעטווארק פון צענטערן לענגאויס די סטעיט קאנצענטרירט אויף העלפן קליינע און מיטלגארטיגע מאניופקטשורער אנטוויקלען נייע טעכנאלאגיעס. די צענטערן וועלן צושטעלן טעכנאלאגישע הילף פאר קליינע מאניופאקטשורער ווען זיי טוען איינגלידן AI מיט זייער אפעראציעס, סופליי קייט באראטונגען צו העלפן ביזנעסער זיך איינגלידן מיט געאפאליטישע און טאריף ווירקונגען, און קאפיטל גרענטס צו מאדערנעזירן געצייג אדער צוריקקערן צו פריאריטעט סעקטארן, אזוי ווי ריינע ענערגיע.

די שריט וועט מוטיגן שעפערישקייט ווי אויך שאפן נייע פאמיליע-שטאנדהאפטיגע זשאבס אין מאניופאקטשורינג, און דאס וועט פארזיכערן אז ניו יארק'ס לאקאלע פירמעס בלייבן קעמפעריש און שטארק, און אז דער גאווערנער'ס רעקארד אין צוריקברענגען מאניופאקטשורינג זעצט ווייטער פאר אין א שנעל-וואקסנדע גלאבאלע עקאנאמיע.

**אויפבויען אונזער קוואנטאם שעפערישקייט דורך קוואנטאם טעכנאלאגיע קאמערציאליזאציע צענטערן**

קוואנטאם טעכנאלאגיע שטעלט אונז צו מיט די מעגליכקייט צו לעזן עטליכע פון די וועלט'ס שווערסטע פראבלעמען שנעלער ווי סיי ווען אין די פארגאנגענהייט. עס האט די מעגליכקייט צו טוישן אונזער וועלט, איבערקערן גאנצע אינדוסטריעס מיט דורכברוכן אין קאמפיוטינג, סענסינג, און פארזיכערטע קאמיוניקאציע. פראקטישע אפליקאציעס רעכנט אריין מער פארזיכערטע פינאנציעלע טראנזאקציעס, פארשריטן אין ריינע און באנייענדע טעכנאלאגיע, און שנעלערע פראטיען ביישפילן פאר דראג אנטדעקונג. פעסטשטעלן ניו יארק'ס פירערשאפט אין די אויפקומנדע אינדוסטריע עפנט די טיר פאר באדייטנדע עקאנאמישע וואוקס. איבער די וועלט, ווערט קוואנטאם טעכנאלאגיעס פארגעשאצט אריינצוברענגען 97 ביליאן דאלאר אין איינקונפט ביז 2035.

פונדעסטוועגן, בלייבט צוטריט צו קוואנטאם אינפראסטרוקטור שטארק באגרעניצט, סיסטעמס זענען זייער טייער, פלעצער פאר אינטערזוכונגען זענען זייער געצוימט, און מערסטנס פירמעס האבן נאכנישט די טעכנאלאגישע מעגליכקייט צו זעלבסטשטענדיג קענען בויען אדער נוצן קוואנאם מעגליכקייטן. בויענדיג אויף די פארשריט פון די סטעיט'ס קוואנטאם פארשונג & אינאוואציע צענטער ביי SUNY סטאון ברוק, טוט גאווערנער Hochul (האקול) פארשלאגן אויפצושטעלן ביז צו פיר מער קוואנטאם צענטערן לענגאויס ניו יארק וועלכע וועט דינען אלץ שטיצע און מוטיגן די אנטוויקלונג און קאמערציאליזאציע פון קוואנטאם טעכנאלאגיעס. די צענטערן וועלן זיין ארטיגע באפעסטונגען פאר קוואנטאם שעפערישקייט, מאכן קאמערציאליזאציע פון נייע אויסטרעפן און פאקטישע-וועלט באנוץ פעלער א פריאריטעט. יעדע צענטער וועט דינען אלץ אן אינקיובעיטאר פאר קוואנטאם-קאנצענטרירטע סטארט-אפס, צושטעלנדיג פריע-שטאפל פירמעס מיט קריטישע הילפסמיטלען, אריינגערעכנט מענטארשיפ און צוטריט צו לאקאלע קוואנטאם נעטווארקס און קוואנטאם קאמפיוטינג.

די שריט וועט פארזיכערן אז ניו יארק בלייבט א וועלטליכע צענטער פאר שעפערישקייט און איז אויסגעשטעלט צו קעמפן נאציאנאל און אלוועלטליך ווען קוואנטאם טעכנאלאגיעס וואקסן און דערגרייכן זייער פולע מארקעט מעגליכקייט.

**הייבן ביאטעכנאלאגיע אין ניו יארק סטעיט**

ניו יארק'ס ביאטעכנאלאגיע און לייף סייענסעס אינדוסטריע איז א פירער פון עקאנאמישע וואוקס. פארשונג און אנטוויקלונג אין ביאטעק אנטוויקלט נישט בלויז די גוטס פון די פובליק, געמאסטן אין ברעכנדע אנטוויקלונגען צו היילן קרענק, אבער טוט אויך אריינברענגען נייע גוט-באצאלטע ארבעט פאזיציעס און טוט אויך עפענען געלעגנהייטן פאר ביזנעס אייגנטומער און סטארט-אפס. בויענדיג אויף דער גאווערנער'ס סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין לייף סייענסעס, אריינגערעכנט די עפענונג פון צעל און גענע טעראפיע אינאוואציע צענטערן אין לאנג איילענד און אין מערב ניו יארק און די ביאבאשיצונג קאמערציאליזאציע פאנד (Biodefense Commercialization Fund) צו טרעפן נייע באהאנדלונגען פאר אנשטעקיגע קרענק, וועט גאווערנער Hochul (האקול) עפענען א באנייטע אינוועסטירונג צו מאכן ניו יארק די עפיצענטער פון לייף סייענסעס אינאוואציע.

דער גאווערנער'ס באלסטערינג ביאטעק אונטערנעמונג (Governor’s Bolstering Biotech Initiative) וועט שטיצן אלע שטאפלען פון די לייף סייענס סעקטאר פייפליניע, פון אנטדעקונג ביז קאמערציאליזאציע, דערביי פעסטשטעלנדיג ניו יארק'ס שטאנד ביים פארנט ליניעס פון ביאטעק אינאוואציע.

די דאזיגע אינוועסטירונגען וועלן פארשנעלערן די קאמערציאליזאציע פון לעבנס-טוישנדע טעראפיוטיקס - מיט א קאנצענטרירונג אויף ניוראדיזשענערעטיוו קרענק - און נוצן פריוואטע אינוועסטירונג אין ביאטעכנאלאגיע פארשונג און אנטוויקלונג דורך די פאלגנדע פראגראמען:

- ווענטשור קאפיטל אינוועסטירונגען: נוצן פובליק און פריוואטע ווענטשור אינוועסטירונג צו שטיצן אויפקומנדע סטארט-אפס מיט די מעגליכקייט צו וואקסן און ווערן די נעקסטע דור פון פירמע פירערס;
- פעלאשיפס (Fellowships) און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג: נוצן נייע פעאיגקייט-טרענירונג פראגראמען אויסגעשטעלט צוצושטעלן ניו יארקער מיט די נויטיגע פעאיגקייטן צו באקומען שטארק-פארלאנגטע ראלעס פון פראדוקציע ביז c-suite אין די ביאטעק אינדוסטריע, עפענענדיג נייע געלעגנהייטן פאר גוט-באצאלטע ארבעט פאזיציעס פאר ניו יארקער;
- קאמערציאליזאציע גרענט פראגראם: עפענען א נייע, אויפפירונג-באזירטע גרענט פראגראם געבויעט אויף די סטעיט'ס ווירקזאמע ביאדעפענס קאמערציאליזאציע פראגראם צו העלפן פירמעס מיט ברענגען ביאטעק אינאוואציעס צו נוצן אין געצילטע ערטער ווי ניוראדידזשענערעיטיוו קרענק;
- איבער-די-סטעיט קלינישע פראבע קאנסארטיעם: אויפשטעלן א קלינישע פראבע קאנסארטיעם איבער-די-סטעיט צו נוצן די שותפות'דיגע שטארקייטן פון ניו יארק'ס פארשונג אינסטיטוציעס צו פארברייטערן צוטריט צו לעצטיגע טעראפיעס און שטעלן די סטעיט אלץ א הויפט דעסטינאציע פאר מעדיצינישע שעפערישקייט.

צוזאמען, וועלן די סטראטעגישע אינוועסטירונגען פארשטארקען יעדע שריט פון די לייף סייענס ווערד קייט, פון ערשטע פארשונג און אנטוויקלונג, ביז סטארט-אפ וואוקס און ארבעטסקראפט טרענירונג, צו גאר-גרויסע אינדוסטריע אטראקציע, און מוטיגן צוזאמארבעט צווישן מעדיצינישע שולעס און אינדוסטריע פירער. דורך דער גאווערנער'ס באלסטערינג ביאטעק אונטערנעמונג, וועט ניו יארק פארשנעלערן שעפערישקייט, אויפנעמען אויפקומנדע פירמעס, ציען פריוואטע קאפיטאל, שאפן גוטע דזשאבס, און בויען א גענוגע ארבעטסקראפט צו פירן אין ביאטעק נאציאנאל און ארום די וועלט.

**אנפאנגען די קומענדיגע שטאפל פון די זעלבסטשטענדיגע וויהיקל פילאט פראגראם**

זעלבסטשנעטדיגע וויהיקל טעכנאלאגיע טוט זיך שנעל פאראויסרוקן, און ניו יארק האט די געלעגנהייט צו נעמען שריט און פארזיכערן איר פאראנטווארטליכע און זיכערע באנוץ אויף אונזערע שאסייען. דעראיבער, וועט גאווערנער Hochul (האקול) אריינברענגען לעגיסלאציע צו פאראויסשטופן די נעקסטע שטאפל פון ניו יארק סטעיט'ס זעלבסטשטענדיגע וויהיקל (Autonomous Vehicle, AV) פילאט פראגראם דורך ערלויבן די באגרעניצטע באנוץ פון קאמערציאלע פאר-אויפנעמען זעלבסטשטענדיגע פאסאזשיר וויהיקלס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי. AV פירמעס וועלכע זענען אינטערסירט אין אויספרובירן סערוויסעס וועלכע פארברייטערן און פארבעסערן באוועגונג אויסוואלן פאר קאמיוניטיס וועלן ווערן פארלאנגט אריינצוגעבן אפליקאציעס וועלכע ציינן לאקאלע שטיצע פאר AV באנוץ אין איינקלאנג מיט די העכסטע מעגליכע זיכערהייט סטאנדארטן.

די געדאנק בויעט אויף יארן פון ווירקזאמע אונטערזיכונג דעמאנסטראציעס לענגאויס די סטעיט און שפיגלט אפ וואקסנדע באווייז אז זעלבסטשטענדיגע וויהיקלס קענען פארבעסערן שאסיי זיכערהייט און טראנספארטאציע אויסוואלן ווען אריינגעברענגט מיט טיפע איבערקלערונג. דורך צאמשטעלן שעפערישקייט מיט שטארקע איבערזיכט און פלאנירונג דורך סטעיט אגענטורן, אריינגערעכנט די דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles, DMV), דעפארטמענט פון טראנספארטאציע (Department of Transportation, DOT), און ניו יארק סטעיט פאליצייַ (New York State Police, NYSP), וועט ניו יארק העלפן אויספארעמען די צוקונפט פון טראנספארטאציע און האלטן פובליק זיכערהייט פארנט און צענטער.

**פארבעסערן לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט טרעקינג**

אינדוסטריאלע אנטוויקלונג אגענטורן און אויטאריטעטן (Industrial Development Agencies and Authorities, IDAs) זענען קריטישע מיטלען פאראויסצושטופן עקאנאמישע אנטוויקלונג, האזינג און אנדערע פריאריטעטן לענגאויס די סטעיט, באריכטנדיג איבער 900 מיליאן דאלאר אין נעט שטייער אויסנאמען בלויז אין 2024. פונדעסטוועגן, איז נאכקוקן די אינוועסטירונגען זיין שווער צוליב די אומווירקזאמקייט אין די סטעיט'ס לעגאסי טרעקינג סיסטעם. לאקאלע אויטאריטעטן לאזן איבער געלט אויפן טיש דורך נישט פאסיג נאכקוקן סטעיט שטייער אויסנאמען.

איבערפרישן די יעצטיגע סיסטעם און עס ערזעצן מיט א גוט אנטוויקלטע, בעסער-אויסגעשטעלטע אנאליז געצייג וועט פארבעסערן קלארקייט, ווארהייט, און ווירקזאמקייט, און אויך צושטעלן איבערזיכט אינפארמאציע און ערלויבן לאקאלע אויטאריטעטן צו בעסער קאמיוניקירן פראיעקט רעזולטאטן. ווי אויך, וועט איינשטעלן די אויטאריטעטן בודזשעט אפיס'ס (Authorities Budget Office, ABO) איינקונפט אינטעגריטי גרופע קענען העלפן צוריקבאקומען א געשאצטע 11 מיליאן דאלאר אין איבעריגע איינקונפט שטייער אויסנאמען וועלכע ווערן נישט יעצט נאכגעקוקט.

**אנפאנגען עמפייער AI בעטא און עפענען די ערשטע זעלבסטשטענדיגע AI פארשונג צענטער ביי SUNY בינגעהעמטאן**

גאווערנער Hochul (האקול) האט אנגעפאנגען עמפייער AI, די ערשטע אין די לאנד קאנסארטיעם פון פובליק און פריוואטע פארשונג אינסטיטוציעס וועלכע טוען פאראויסשטופן AI פארשונג פאר די גוטס פון די פובליק, צו שטעלן ניו יארק אלץ די פירער אין פארשונג און נוצן AI אין פאזיטיווע וועגן. ניו יארק'ס עמפייער AI סיסטעם, געטריבן דורך די וועלט'ס פארגעשריטענסטע אקאדעמישע סופערקאמפיוטער וועלכע געפונט זיך ביים סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק אין באפעלא, טוט אצינד נוצן ריזיגע, מאדערנע טעק צו עטליכע פון די וועלט'ס קריטישע פארשונג אונטערנעמונגען.

גאווערנער Hochul (האקול) האט לעצטע יאר געמאלדן פינאנצירונג צו אויסשטעלן די צווייטע שטאפל פון סופערקאמפיוטינג קראפט, עמפייער AI בעטא. היינט, ווערט עמפייער AI בעטא אינסטאלירט צוזאמען מיט די אלפא סיסטעם, און צוזאמען ערלויבן זיי הונדערטער פארשער פון די יעצטיגע 10 מיטגלידער אינסטיטוציעס צו ווייטער אנטוויקלען AI פארשונג פאר די גוטס פון די פובליק. די נייע בעטא סיסטעם טוט דראמאטיש פאראויסרוקן עמפייער AI'ס אויפפירונג צו 11 מאל איר פריערדיגע שטאפל, און דאס מאכט עס די וועלט'ס פארגעשריטענסטע אקאדעמישע סופערקאמפיוטער. עמפייער AI אלפא און עמפייער AI בעטא ערלויבן מיטגלידער אינסטיטוציעס דורכצופירן קריטישע AI פארשונג ווי שנעל מעגליך בשעת די צוקונפטיגע פולע-שטאפל עמפייער AI סיסטעם ווערט אנטוויקלט.

בויענדיג אויף איר נאציאנאלע-פירנדע עמפייער AI געדאנק, וועט גאווערנער Hochul (האקול) מעלדן א רעקארד-ברעכנדע געשאנק צו די סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק אין בינגהעמטאן צוגעשטעלט דורך פריוואטע דאנארס צו שאפן די איינציגסטע פובליק יוניווערסיטעט צענטער געבויט צו פארזיכערן אז AI טוט זיך פאראויסרוקן צו בענעפיטירן די פובליק.

די אינוועסטירונג-וועלכע איז די גרעסטע אקאדעמישע געשאנק אין די יוניווערסיטעט'ס היסטאריע-וועט אוועקשטעלן די צענטער אלץ די לאנד'ס גרעסטע אקאדעמישע צענטער צו נוצן סייענס און ענדזשינירינג צו שאפן פאראנטווארטליכע, נאכאנאנדע, און קלארע ארטיפישעל וויסנשאפט. איר ציל איז צו אויספארשן וועגן צו נוצן די גאוואלדיגע קראפט פון AI פאר די בענעפיט פון די פובליק און דינען אלץ א הויפט צענטער פאר ברעכנדע טעכנאלאגישע פארשונג צו זיכערהייט, פארזיכערונג, און קלארקייט פון AI ביישפילן און סיסטעמס צו העלפן פארזיכערן אז AI דינט די גוטס פון די פובליק, שטעלט ניו יארק ביים פארנט ליניעס פון א נייע טעכנאלאגישע מיטל אין די בעסטע אינטערעסע פון די פובליק, און ציט AI טאלאנט צו ניו יארק. די אינוועסטירונג וועט פאראויסרוקן פובליק זיכערהייט דורך צוזאמברענגען פירערשאפט אין

שעפערישקייט, פארשונג, און פובליק סערוויס צו פארזיכערן אז גרויסע קאפיטאל ווערט גענוצט צו טרעפן וועגן צו נוצן AI פאר די בענעפיט פון אונזערע געמיינדעס.

**פארבעסערן די שטאט-צענטער אויפלעבונג אונטערנעמונג און ניו יארק פאראויס**
די סטעיט'ס שטאט-צענטער'ס אויפלעבונג אונטערנעמונג שטעלט צו פינאנצירונג צו איבערפרישן און פארבעסערן די שטאט-צענטער געמיינדעס לענגאויס די סטעיט, שטיצט אינפראסטרוקטור אנטוויקלונג, פובליק טראנספארטאציע, שאפן דזשאבס, און עקאנאמישע שריט. ענליך צו דעם טוט ניו יארק פאראויס צושטעלן פינאנצירונג פאר שטאט-צענטער איבערפרישונג, אבער צילט הילפסמיטלען צו קלענערע און ארטיגע געמיינדעס ווי ווילעדזשעס און העמלעטס. גאווערנער Hochul (האקול) טוט פארשלאגן א נייע רונדע פון אינוועסטירונגען אין די פראגראמען צו ווייטער העלפן קאמיוניטיס אנטוויקלען שטאט-צענטער געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטערן וועלכע שטעלן צו א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר ביזנעס, שאפן נייע דזשאבס, און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט.

**אויפשטעלן דער גאווערנער'ס מעדאל צו אנערקענען ניו יארקער וועלכע מאכן אויסנאמע בירגערישעביישטייערונגען**
דורכאויס די אויפקומנדע 250'טע יארטאג פון די פאראייניגטע שטאטן, וועט ווערן פארגעשטעלט דער גאווערנער'ס מעדאל, וועלכע באעהרט ניו יארקער וועמענ'ס ביישטייערונגען האבן געפארעמט און פארשטערקערט אונזער סטעיט'ס בירגערישע און קולטורישע לעבן. גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאכט בירגערליכע פארמישונג, די קונסטווערק, און קולטור הויפט פריאריטעטן דורכאויס שטאנדהאפטיגע פובליק אינוועסטירונג און אנערקענונג. דער גאווערנער'ס מעדאל וועט ווערן געשאנקען צו ניו יארקער וועלכע האבן געמאכט אויסערגעוויינליכע ביישטייערונגען צו זייערע געמיינדעס און וועמענ'ס דערגרייכונגען אין פובליק סערוויס, די קונסטווערק, קולטור, און שעפערישקייט טוען אפשפיגלען ניו יארק'ס נאכאנאנדע פירערשאפט, און אנגייענדע איינפלוס אינדערהיים און ארום די וועלט.

**אפצייכענען די 250'סטע יארטאג פון די אמעריקאנער רעוואלוציע און די היסטאריע פון ניו יארק**
די יאר צייכנט אפ די 250'טע יארטאג פון די אמעריקאנער רעוואלוציע, וועלכע שטעלט צו א היסטארישע געלעגנהייט צו אפצייכענען ניו יארק'ס היסטאריע און אפשפיגלען אויף אונזער צוקונפט. ניו יארק'ס צוגרייטונגען צו אפצייכענען די וויכטיגקייט פון די רעוואלוציע קריג עפאכע פירט די לאנד, מיט איבער 75 מיליאן דאלאר אין פארענדיגטע, יעצטיגע, אדער פלאנירטע אינוועסטירונגען ביי צענדליגע ניו יארק סטעיט פארקס רעוואלוציע קריג פלעצער לענגאויס די סטעיט.

גאווערנער Hochul (האקול) טוט אנפאנגען די פראצעדור צו שאפן די ניו יארק היסטאריע אפהאלטונג און הילפסמיטל צענטער (History Preservation and Resource Center, History PaRC), כדי אפצוצייכענען די רייכע און פארשידנארטיגע היסטאריע פון ניו יארק. די שעפערישע פראיעקט וועט טוישן די עקזיסטירנדע אפטיילונג פאר היסטארישע אפהיטונג'ס (Division for Historic Preservation) הויפט אפיסעס אויף פיעבלס איילענד סטעיט פארק אין וואטערפארד צו א פארגעשריטענע פובליק היסטאריע צענטער. די היסטאריע PaRC's פאסיליטעטן וועלן זיין אויסגעשטעלט צו שטארק פארבעסערן פובליק צוטריט צו ניו יארק'ס היסטארישע זאמלונגען און אפהיטונג פראגראמען מיט די ציל פון אינספירירנדע לעבנסלענגליכע לערנען און אנערקענונג פון ניו יארק'ס היסטאריע. אויסער א פובליק אויסשטעל ארט, וועט עס אויך דינען אלץ א געמיינזאמע צענטער פאר טרענירונג און װארקשאפס, היסטארישע פארשונג, און וועט מוטיגן בעסערע צוזאמארבעט צווישן סטעיט אגענטורן און קולטורישע ארגאניזאציעס.

**אויסברייטן די קאונטי אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם**

ניו יאָרק'ס קאָונטי אינפראַסטרוקטור גרענט פּראָגראַם העלפט קאָונטיס באַצאָלן וויכטיגע, קליינליכע אינפראַסטרוקטור פּראָיעקטן וועלכע באַווירקן די טעגליכע לעבנס פון ניו יאָרקער און מוטיגן באַזוכער. די פּראָיעקטן טוען אַריינרעכענען די אויפבוי אָדער איבערמאַכן שאָסייען, סויערס אָדער יוטיליטיס צו מוטיגן האָוזינג וואוקס, פאַרבעסערונגען צו מוניציפּאַליטעטן אָדער פּובליק אינפראַסטרוקטור צו פאַרמערן טוריזים, און פאַרשענערן פּובליק פּלעצער. גאָווערנער Hochul (האָקול) טוט פאַרשלאָגן 50 מיליאָן דאָלאַר פון נאָך געלטער צו שטיצן די פּראָגראַם, העלפן קאָונטיס מאָדערנעזירן און איבערבויען זייער וויכטיגע פּובליק אינפראַסטרוקטור צו פאַרבלייבן שעפעריש און אַריינברענגען עקאָנאָמישע וואוקס.

**אָוועקנעמען אַלט-מאָדישע צוימונגען אויף טאַנצן**
פאַר יאָרן, האָט די שווערִיגקייט און אומקלאָרקייט אין טרונק-הייזער, שענק, און רעסטאָראַנט לייסענסינג געשאַפן פּובליק צעמישעניש איבער טאַנצן, און האָט אָפט צוגעברענגט קריג צווישן געמיינדעס. ווײַבאַלד טאַנצן איז ערלויבט אין שענק און טרונק-הייזער (נאָך רעגירונג פּראָצעדורן ביי די SLA און קאַמיוניטי באָורד שטאָפּל) אָבער איז נישט אייביג ערלויבט אין רעסטאָראַנטן, טוען געוויסע אַפּליקאַנטן - ספּעציעל די וועלכע ווילן אָפּערירן אַלץ אַ רעסטאָראַנט געוויסע צייטן און אַ שאַנק און טרונק-הויז אין אַנדערע צייטן - זיך זעלבסט-אידענטיפיצירן אַלץ רעסטאָראַנטן אָבער אָפּערירן אַלץ נאַכט-קלאַבס. דאָס צושטערט קאַמיוניטי צוטרוי, און פירט צו אַ העכערע צאָל קלאַגעס, און פאַרלאַנגט די SLA צו אינפאָרסירן אַנטקעגן טאַנצן.

צו פאַרבעסערן צוטרוי און קלאָרקייט און דורכשניידן רעגירונג שווערִיגקייט, טוט גאָווערנער Hochul (האָקול) פאַרשלאָגן SLA מיט ערלויבן טאַנצן ביי דיפאָלט אין טרונק-הייזער און שענק און מאַכן אַ נייע הייבריד רעסטאָראַנט-טרונק-הויז לייסענס. פאַר שענק און טרונק-הייזער, וועלן זיך נישט טוישן פּראָצעדורן אָדער די געברויך פאַר פּובליק הירינגס, און קאַמיוניטי באָורדס וועלן קענען ווייטער אַנהאַלטן זייער ראָלע מיט מאַכן ווייטערדיגע רעקאָמענדאַציעס. עס וועט נישט זיין קיין טויש פאַר רעסטאָראַנטן, וועמענ'ס לייסענס סאָרט ערלויבן נישט אייביג קאַסטומער טאַנצן. פאַר אַפּליקאַנטן וועלכע ווילן אָפּערירן סיי אַלץ אַ רעסטאָראַנט און שאַנק אָדער קלאַב פון פאַרשידענע סאָרטן, וועט די נייע הייבריד לייסענס סאָרט ברענגען מער קלאָרקייט פאַר די געמיינדע, ווײַבאַלד די לייסענס וועט ריכטיג אָפּשפּיגלען די כאַראַקטער פון די פירמע. אַלע לייסענס סאָרטן וועלן ווייטער פאַרלאַנגען קאַמיוניטי אַנטפּלעקונג און באַמערקונגען צייט אָפּשניטן פאַר טאַנצן און אויפפירונג טאַנצן אין איינקלאַנג מיט געזעצליכע פליכטן.

**מאָדערנעזירן די אַלקאָהאָלישע געטראַנק קאָנטראָל געזעץ ( Alcoholic Beverage Control Law, ABCL)**
ביזנעסער לענגאויס די סופּליי קייט ספּראָוועגען זיך מיט אַלט-מאָדישע, פּראָהאַביטאַציע עפּאָכע געזעצן אין ניו יאָרק. גאָווערנער Hochul (האָקול) וועט פאַרשנעלערן קאָנסומער אויסוואַל און הייבן לאָקאַלע עקאָנאָמיעס דורך פאַרשלאָגן לעגיסלאַציע צו מאָדערנעזירן די ABC געזעץ. צום ביישפּיל, זי וועט פאַרמערן געלעגנהייטן פאַר אַלקאָהאָלישע געטראַנק מאַניופאַקטשורער דורך ערלויבן אַלע פּראָדוצירער צו האָבן ביז צו דריי רעסטאָראַנט אָדער שענק לייסענסעס און אָפּענע רעסטאָראַנטן אָדער טרונק-הייזער ביי זייער מאַניופאַקטשורינג פאַסיליטעטן, דערמיט געבן מוט פאַר מאַניופאַקטשורער פון אַרויס-פון-סטעיט צו אינוועסטירן אין ניו יאָרק און שאַפן געלעגנהייטן פאַר ניו יאָרק ביזנעסער. אין 2007 און 2014 זענען געזעצן געוואָרן ליבעראַלעזירט פאַר פאַרעם מאַניופאַקטשורער, אָבער ניו יאָרק'ס נישט-פאַרעם פּראָדוצירער און אַלע פּראָדוצירער אַרויס-פון-סטעיט האָבן נאָך יאָ די באַגרעניצונגען. עס איז דאָ אַ געברויך צו מאָדערנעזירן לייסענסינג לענגאויס די באָורד, פון ספּאָרטס טרונק-הייזער און קאַפעיס ביז באַקוועמע וואַרט זאַלן און לופטפעלדער, האָטעלן, און מאַווי טיאַטערס.

**אינוועסטירן אין עקוויטי לענגאויס די קאַנאַביס סופּליי קייט**
זינט פאַרווײַלונג קאַנאַביס איז געוואָרן לעגאַל אין 2021, האָט זיך ניו יאָרק קאָנצענטרירט זיך אויפצושטעלן אויף די אינדוסטריע, אַריינגערעכנט העלפן נייע ביזנעסער לענגאויס די סטעיט צו ווערן

לייסענסד און אנפאנגען אפערירן. פינף יאר שפעטער, מיט מער ווי 550 דיספענסעריס אין א 2.65 ביליאן דאלאר מארקעט, זענען דא נייע געברויכן וועלע קומען ארויף וויבאלד די אינדוסטריע וואקסט. מיר דארפן בויען ביזנעס אנטוויקלונג געלעגנהייטן לענגאויס די סופליי קייט און די סטעיט, וועלכע באוועגן זיך מער ווי לייסענסעס און סטארט-אפ הילף און אנשטאט זיך קאנצענטרירן אויף לאנג-טערמיניגע שטאנדהאפטיגקייט, פארזעצן אונזער ערפאלג אלץ די מערסט אינוועסטירטע קאנאביס מארקעט אינעם לאנד.

גאווערנער Hochul (האקול) טוט פארשלאגן צו מוטיגן די קאנאביס סופליי קייט דורך עפענען א באשטעטיגטע קאנאביס ביזנעס אינקיובעיטאר צענטער נעטווארק, אן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג שותפות מיט SUNY און CUNY, און א CUNY געזעץ פאונדעישאן אומזיסטע אונטערנעמונג. די נעטווארק, וועלכע וועט ביישטיין פון אויסגעקליבענע סערוויס פראוויידערס פון לענגאויס די סטעיט וועלכע טראגן אן טרענירונג און טעכנישע הילף אין אינדוסטריעס ווי לעגאל און אקאונטינג, וועט דינען אלץ א געשעפט פאר קאנאביס ביזנעסער פון סטארט-אפ ביז גרויסע, מיט א קאנצענטרירונג אויף גרופעס פריאריטיזירט דורך די סאציאלע און עקאנאמישע גלייכבארעכטיגונג פראגראם ( Social and Economic Equity, SEE) און געמיינדעס אומריכטיג באווירקט ( Communities Disproportionately Impacted, CDI). די אונטערנעמונגען וועלן געעפנט ווערן מיט אנווייזונג און ראט פון קאמיוניטיס, סערוויס-באגרעניצטע וועטעראנען, און ארימע פארמער, ווי אויך אנדערע אינוועסטירער לענגאויס די סופליי-קייט.

**שטיצן ניו יארק’ס מילכיגס פארמער צו מאדערנעזירן די אינדוסטריע**

זינט זי איז אריין אין אפיס, האט גאווערנער Hochul (האקול) געמאכט באדייטנדע פארשריט ביים אויסברייטערן די מילכיגס מאניופאקטשורינג אינדוסטריע אין ניו יארק. די סטעיט האט געפייערט אינוועסטירונגען לענגאויס די סטעיט, אריינגערעכנט א 650 מיליאן דאלאר פעירלייף פראדוקציע פלענט אין וועבסטער (Webster), א כמעט 30 מיליאן דאלאר אויסברייטערונג פון די Agri-Mark קעז מאניופאקטשורינג איינריכטונג אין שעטעגעי (Chateaugay), א נייע 1.2 ביליאן דאלאר Chobani יאוגארט מאניופאקטשורינג פאסיליטעט אין רוים, Wells Enterprises’ 425 מיליאן דאלאר אייז קריעם מאניופאקטשורינג פאסיליטעט אין דאנקירק (Dunkirk), און נאך, העלפנדיג ניו יארק צו ווייטער זיין די הויפט פראדוצירער פון מילך אין די צפון-מזרח ראיאן. עס זענען יעצט דא נאנט צו 300 אלוועלטליך-אנערקענטע מילכיגס פראצעסירונג פלענטס אריבער ניו יארק.

צאמשטעלן מילכיגס פארמינג און פראדוצירונג מיט מאניופאקטשורינג און פראצעסירונג איינהייטן וועט שאפן א ווירבלנדע סיקל, וועלכע וועט בענעפיטירן פארמער, מילכיגס אינדוסטריע ארבעטער, און קאנסומער צוגלייך. פונדעסטוועגן, טוען מילכיגס פארמער זיך ספראווענען מיט א קאמפליצירטע רייע פון פראבלעמען, אריינגערעכנט טאריפס אויף עסן, עלטערע אינפראסטרוקטור, שטייגנדע אפערירונג קאסטן, און אנגייענדע סופליי קייט פראבלעמען וועלכע מאכט עס שווערער פאר פארעמס צו פלאנירן און אינוועסטירן פאר די צוקונפט.

גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארברייטן שטיצע פאר מילכיגס פארמער דורך פאראויסשטופן נאך א רונדע פון די מילכיגס מאדערנעזירונג פראגראם (Dairy Modernization Program) און פארלענגערן די ריפאנדיבל אינוועסטירונג שטייער קרעדיט צו געבן פארעמס די צייט און קלארקייט זיי דארפן צו מאדערנעזירן אפעראציעס און פארענדיגן גרויסע פראיעקטן. פארלענגערן די ריפאנדיבל אינוועסטירונג שטייער קרעדיט וועט אויך צושטעלן פארמערס מיט נויטיגע פינאנציעלע הילף צו פארמינערן די שטייגנדע קאסטן פון טון ביזנעס פאראורזאכט דורך פעדעראלע טאריפס שריט. די שריט וועט העלפן פארמער זיך אפגרעידן אויף פארעם-סטארעדזש און פראצעסירונג סיסטעמס, פארבעסערן ווירקזאמקייט און מילך קוואליטעט, און ווייטער אינוועסטירן אין געצייג און איינריכטונגען אפגעזען פון קליינע איינקונפטן און אן אומסטאבילע מארקעט. דורך פארשטערקערן די מיליכיגס סופליי קייט און

שטיצן ארטיגע געמיינדעס לענגאויס די סטעיט, וועט ניו יארק באשיצן דזשאבס, פארזיכערן א שטאנדהאפטיגע עסן סופליי, און פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע קאמף פון איר מילכיגס אינדוסטריע.

**אנטוויקלען די אינדוסטריעל העמפ פייפליניע**

אזוי ווי גאווערנער Hochul (האקול) האט דערקלערט אין איר 2024 סטעיט פון די סטעיט אדרעס, איז ניו יארק פארשפראכן צו בויען איר ביאעקאנאמיע - אריינגערעכנט די העמפ אינדוסטריע - כדי צו שאפן דזשאבס און העלפן פארמער לענגאויס די סטעיט. צו העלפן ניו יארק'ס העמפ פארמער אויסברייטערן זייערע סופליי קייטן אין ליכט פון א טוישנדע פעדעראלע קאנטעקסט און צושטעלן נאך R&D באמיאונגען צו אן אינדוסטריע מיט א קאנצענטרירונג אויף שטאנדהאפטיגע און צוגענגליכע בוי מאטריאלן, וועט גאווערנער Hochul (האקול) אויפשטעלן א סטעיטווייד נעטווארק פון פראגראמען און ריסאורסעס קאנצענטרירט אויף אנטוויקלען די אינדוסטריעל העמפ פייפליניע פון עק צו עק. א פארשונג און אנטוויקלונג קאנסארטיעם לענגאויס פינף ניו יארק יוניווערסיטעטן וועט אויספרובירן די פולקאמע גרינע עקאנאמיע פאר אינדוסטריעל העמפ פון איינפלאנצונג און פייבער פראצעסירונג ביז פראדוקט מאניופאקטשורינג און אויפבוי, פירנדיג צו די אויפבוי פון א בארן וועלכע דינט סיי אלץ א פראצעסירונג פאסיליטעט און אן ארבעטסקראפט טרענירונג צענטער. צוזאמען, וועלן די שריט העלפן וואקסן אונזער ביאעקאנאמיע און שטיצן פארמער לענגאויס די סטעיט.

**אוועקשטעלן ניו יארק אלץ די לאנד'ס הארטע סיידער קאפיטל**

ניו יארק איז די לאנד'ס פירנדע הארטע סיידער פראדוצירער, האבנדיג מער אקטיווע סיידעריס ווי סיי וועלכע אנדערע סטעיט. אונזער סיידער אינדוסטריע איז געוואקסן אויף א באדייטענדע אופן איבער די לעצטע צען יאר, אריינברענגדיג איבער א ביליאן דאלאר אין סך הכל עקאנאמישע באווירקונג פאר ניו יארק, אבער עס פארבלייבט נאך אומבארירטע אגרי-טוריזם מעגליכקייט צו פארשן.

צו שטיצן די אינדוסטריע און אריינגיין אין די ווירבלנדע אגרי-טוריזם געלעגנהייט וועלכע סיידער שטעלט פאר, וועט גאווערנער Hochul (האקול) ארבעטן מיט די ניו יארק סיידער איינהייט ( New York Cider Association) צו אוועקשטעלן ניו יארק אלץ די סטעיט פון סיידער, מארקעטינג די פעלדער, צימערן צו פארזוכן, און עסן ערפארונגען וועלכע קענען ווערן הויפט דעסטינאציע ערטער פאר באזוכער לענגאויס די לאנד. די שריט וועט פארשטערקערן ארטיגע עקאנאמיעס, הייבן די אויסנאמע ארבעט פון לאקאלע ביזנעסער, און אויפשטעלן ניו יארק אלץ די ערשטע דעסטינאציע פאר אמעריקאנער הארטע סיידער.

**אפהאלטן די ליניע אויף קאסטן און מוטיגן קאלעדזש אפארדעביליטי ביי SUNY און CUNY**

גאווערנער Hochul (האקול) טוט קעמפן פאר אפארדעביליטי פאר ניו יארק סטודענטן און פאמיליעס דורך האלטן די ליניע אויף קאסטן ביי ניו יארק'ס פובליק קאלעדזשעס, איינפרירן שכר לימוד פאר רעזידענט אונטערגראדואירטע סטודענטן ביי SUNY סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסעס און CUNY סעניאר קאלעדזשעס, און צושטעלן די אינסטיטוציעס מיט מער אפערירונג הילף כדי נאך ניו יארקער זאלן קענען פארדינען א דעגרי אן אננעמען ריזיגע חובות. דורך האלטן שכר לימוד באלאנסירט לענגאויס SUNY און CUNY קאמפוסעס, קערט זי אוועק די פינאנציעלע יאך פון די ניו יארקער סטודענטן און פאמיליעס וועלכע ארבעטן שווער.

קאלעדזש אפארדעביליטי איז א הויפט טייל פון ניו יארק'ס עקאנאמישע סטראטעגיע. די נאכאנאנדע פרירונג אויף שכר לימוד, צוזאמען מיט נאך אונטערנעמונגען ווי אומזיסטע קאמיוניטי קאלעדזש פאר ערוואקסענע לערנער און פריערדיגע אויסברייטערונגען פון צוטריט צו די שכר לימוד הילף פראגראם, העלפט פאמיליעס און סטודענטן וועלכע ארבעטן אנהאלטן די לעבנס קאסטן בשעת צוגרייטן ניו יארקער פאר גוט-באצאלטע ארבעט פאזיציעס און קאריערעס.

**פארבעסערן אפארדעביליטי דורך אויסברייטן SUNY און CUNY Reconnect for High-Demand Jobs**

די קאסט פון א קאלעדזש דעגרי זאל נישט שטיין אין די וועג פון ערוואקסענע לערנער נאכצוגיין נייע פראפעסיאנאלע חלומות אין די שטארק-פארלאנגטע אינדוסטריעס וועלכע שטארקן אונזער עקאנאמיע. SUNY and CUNY Reconnect, אנגעפאנגען דורך גאווערנער Hochul (האקול) אין 2025, שטעלט צו פאר ערוואקסענע לערנער די אויסוואל צו גיין אין קאמיוניטי קאלעדזש אומזיסט אויב זיי גייען נאך א דעגרי אין א שטארק-פארלאנגטע אינדוסטריע ווי העלטקעיר, סייבערסעקיוריטי, אדער פארגעשריטענע מאניופאקטשורינג. די פראגראם האט שוין ארויסגעגעבן ריזיגע רעזולטאטן; קאלעדזשעס האבן אנגענומען 16,500 אפליקאציעס לענגאויס די סטעיט די יאר און איינגעשריבן איבער 11,000 סטודענטן אין די פראגראם, ארבעטנדיג ערפאלגרייך צו שטיצן אונזער עקאנאמיע און פארשטערקערן אונזער ארבעטסקראפט אין וויכטיגע אינדוסטריעס.

כדי פארצוזעצן מיט די פארשריט, וועט גאווערנער Hochul (האקול) אויסברייטערן די פראגראם'ס ליסטע פון גילטיגע שטארק-פארלאנגטע אינדוסטריעס אריינצורעכענען אינדוסטריעס ווי לאגיסטיקס, לופט טראפיק קאנטראל און טראנספארטאציע, און עמערדזשענסי אנפירונג. נעמנדיג אין באטראכט די דרינגנדע געברויך אויסצוברייטערן אונזערע נורסינג ארבעטסקראפט, וועט זי אויך פארברייטערן די פראגראם אריינצורעכענען ערוואקסענע וועלכע צילן צו ערררייכן א נורסינג דעגרי, אפילו זיי האבן שוין באקומען א קאלעדזש דעגרי אין אן אנדערע פעלד. מיטן אויסברייטערן די SUNY and CUNY Reconnect פראגראמען אין שטארק-נויטיגע ערטער, טוט די סטעיט שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אין שטארק-נויטיגע אינדוסטריעס, דערמיט מוטיגן אונזער עקאנאמיע דורך אריינפולן ארבעטס לעכער, און שאפן עקאנאמישע מאביליטי געלעגנהייטן פאר ניו יארקער לענגאויס די סטעיט.

**ניו יארק פארבינדונג אונטערנעמונג: בעסער צוגרייטן קאלעדזש סטודענטן פאר די ארבעטסקראפט לענגאויס ניו יארק'ס העכערע עדיוקעישאן סיסטעמס**

אזוי ווי סטודענטן גראדואירן און גייען אריין אין די ווירבלנדע ארבעט מארקעטס און אינדוסטריעס, איז וויכטיג צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס העכערע עדיוקעישאן סיסטעם שטעלן צו אויסשטעלונג צו ארבעטסקראפט ערפארונג פאר אלע סטודענטן איידער זיי גראדואירן כדי זיי זאלן גוט צוגעגרייט צו קעמפן פאר די דזשאבס פון די צוקונפט. גאווערנער Hochul (האקול) וועט נעמען שטארקע שריט צו שטיצן SUNY און CUNY צוצושטעלן נאך טויזנטער קאריערע-געשטימטע, גילטיגע אינטערנשיפ און פראבע לערנען ערפארונגען פאר זייערע סטודענטן נעקסטע יאר דורך די ניו יארק קאריערע פארבינדונג (New York Career Connect) אונטערנעמונג. יעדע סיסטעם וועט בויען אויף איר ווירבלנדע אינטערנשיפ און פראבע פראגראמען דורך איינגלידן קאריערע קאונסעלינג מיט אקאדעמישע ראט, צושטעלן קלארע קאריערע מאפעס פאר יעדע הויפט, און אויסברייטערן געלעגנהייטן מיט לאקאלע ביזנעסער און פובליק סערוויס פלאצירונגען. דורך פאראייניגן די באמיאונגען אונטער א סטעיט ציל, וועט די סטעיט פארמאכן ארבעטסקראפט באטייליגונג לעכער, פארשטערקערן ארבעטער שותפות, און פארזיכערן אז יעדע גראדואירטע איז קאריערע-גרייט-פארבעסערן די ווערד פון א קאלעדזש דעגרי און פלאצירן ניו יארק אלץ א נאציאנאלע פירער אין ארבעטסקראפט גרייטקייט.

גאווערנער Hochul (האקול) טוט בויען א ברייטערע צוקונפט פאר ניו יארק. דער גאווערנער האט אריינגעבערענגט א נייע עפאכע פון עקאנאמישע וואוקס זינט זי איז אריין אין אפיס, דורך מאכן א פריאריטעט דאס שאפן ארבעט פאזיציעס, קאמיוניטי אנטוויקלונג און עקאנאמישע איבערפרישונג. פון אינוועסטירן אין שפעפרישע נייע טעכנאלאגיעס ביזן שטיצן קליינע ביזנעסער, טוט די פאראויס-טראכטנדע סטראטעגיע פארעמען א שטאנדהאפטיגע און אינקליוסיוו עקאנאמיע וועלכע שטעלט אונז אויף צו קעמפן אויף טעכנאלאגישע אנטוויקלונג אויף אן אינטערנאציאנאלע שטאפל היינט, און פאר די דורות וואס טוען נאכפאלגן. דורכאויס איר צייט אין אפיס, האט גאווערנער Hochul (האקול):

- אויפגעשטעלט ניו יארק אלץ א פירער אין סעמיקאנדאקטער אינאוואציע, לעצטנס ברעכנדיג גראונד אויף א נייע סעמיקאנדאקטער פארשונג און אנטוויקלונג פאסיליטעט ביי די NY Creates Albany Nanotech Complex.
- געטוישט די לייף סייענס סעקטאר דורך אויפשטעלן צוויי נייע צעל און גענע טעראפיע ( Cell and Gene Therapy, CGT) שעפערישע צענטערן אויף לאנג איילענד און אין מערב ניו יארק. די צענטערן זענען אויסגעשטעלט צו טוישן פאציענט קעיר דורך שנעל-טרעקינג CGT פארשונג און קאמערציאליזאציע, פארזיכערנדיג אז לעבנס-טוישנדע נייע טעראפיעס ווערן אנטוויקלט אין ניו יארק.
- גענוצט AI פאר די גוטס פון די פובליק דורך אנפאנגען עמפייער AI, א לאנדמארק פובליק-פריוואטע קאנסארטיעם, וועלכע פארברייטערט צוטריט צו AI סופערקאמפיוטינג פאר ניו יארק'ס פירנדע יוניווערסיטעטן און פארשונג אינסטיטוציעס, פארשטערקערן שעפערישקייט מיט א פובליק בענעפיט און פארבעסערן ניו יארק'ס ארט אלץ א גלאבאלע פירער אין פאראנטווארטליכע AI.
- געמאכט מערערע פראגראמען אוועקצונעמען שטרויכלונגען פאר קליינע ביזנעסער דורך די 500 מיליאן דאלאר סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אונטערנעמונג, וועלכע קאנצענטרירט זיך אויף ווערדפולע ווענטשור אינוועסטירונגען, אפארדעבל פראגראמען צו בארגן געלט, און קאפיטל צוטריט פראגראמען.

גאווערנער Hochul (האקול) בלייבט פארשפראכן צו וואקסן ניו יארק'ס ווירבלנדע עקאנאמיע, צוריק אהיימברענגען דזשאבס, איבערפרישן קאמיוניטיס, און אוועקשטעלן ניו יארק אלץ די צענטער פון שעפערישקייט.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן